30

לאָנדאָן־ווייטשעפּל 15־טן נאָוועמבער, 1942

# יידיש שאַפן אין לאָנדאָן

## די שבת-נאָכמיטאָקס

שבת, דעם 17־טן אָקטאָבער, האָט דער באַקאַנטער אַרבעטער־טוער א. נ. ראָלין געהאַלטן אַ וויכטיקן פאָרטראָג איבער דעם אַריינקומען פון יידן צוריק אין לאָנדאָן. דער דאָזיקער צווייטער פאָרטראַג ראָלינ׳ס איז געווען דער מיטל־טייל פון זיינע לעקציעס איבער די געשיכטע פון יידן אין לאָנדאָן. ער האָט באַהאַנדלט די עפּאָכע פון מנשה בן ישראל ביז משה מאָנטעפיאָרע און די משפחה ראָטשילד. ס׳איז געווען אַ באַלערנדיקע לעקציע איבער ענגלישע געשיכטע, איבער די באַגרינדונג פון דער ענגלישער אימפּעריע זינט קראָמוועל און קראָמוועל׳ס רעליגיעזע און שטאַטליכע באַציאונג צו יידן. ער האָט אויך גערעדט איבער די יידישע ביישטייערונג צו דער ענגלישער פּאָליטיק און אימפּעריע — בנימין דיזראַעלי. די עפּאָכע איז די עפּאָכע פון יידישע מאַגנאַטן און לאָרדן פון די שפּאַניש־ספרדישע יידן און די אשכנז׳ישע פון דייטשלאַנד. די דריטע לעקציע, די וויכטיקסטע, וועט זיין איבער די יידישע איינוואַנדערונג פון רוסלאַנד און פוילן.

שבת דעם 24־טן וואָס איז געווען געווידמעט דעם ליטעראַרישן שאַפן פון יידן אין ענגלאַנד, האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן אַז דער יונגער יידישער ישוב דאָ האָט זיך גאָר נישט צו שעמען און איז לגמרי נישט אָפּגעשטאַנען אַקעגן אַנדערע יונגע ישובים — אויב איר ווילט נאָך העכער! דאָס יידישע ווייטשעפּל האָט דאָך אַ טראַדיציע פון אונזערע גרויסע און גרעסטע פּאָעטן וואָס האָבן זיך אין „סוועט־שאָפּס" דאָ געמוטשעט און געשאַפן — מאָריס ראָזענפעלד און מאָריס ווינטשעווסקי! אויך אברהם וועוויאָרקע האָט פון זיינע ווערק אַ סך געשאַפן דאָ אין לאָנדאָן. דער פאָרזיצער האָט געלייענט אַן אַרטיקל איבער שאַפן פון יידישן לאָנדאָן און פאָרגעלעזן לירישע לידער און פיינע באַלאַדן פון די ערשטע פּראָדוקציעס פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי. משה עובד האָט פאָרגעלייענט זיינס זייער אַ געלונגען און קינסטלעריש ליד איבער די שטאָט לאָנדאָן אין שייכות מיט ירושלים. מיס דימאַנט האָט דעקלאַמירט טיף־ערפילט די פּאָעטן יוסף הל״ל לעווי און שמואל וואַהייט, אירע דערקלערונגען זיינען אויך געווען גוט און אויפ׳ן פּלאַץ. מר. חיים האלשטאַק האָט רעציטירט 4 לידער פון וואָהייט׳ן און דער פאָרזיצער האָט צום סוף פאָרגעלעזן אַ געלונגענע סקיצע פונ׳ם שרייבער י. א. ליסקי. דער נאָכמיטאָק האָט געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק און דער עולם האָט זיך מיט גרויס אינטערעס און גייסטיקער הנאה צוגעהערט.

דעם שבת האָט מען נאָר פאַרגעלעזן אַ מקצת מן המקצת פון דעם שאַפן, קיין עין הרע, דאָ אין לאָנדאָן. מיר האָבן דאָ אַ מסיבה פון שרייבער, וואָס זייער פּראָדוצירן קאָן פאַרטיילט ווערן אויף אַ צענדליק שבת נאָכמיטאָקס און וואָס מיר וועלן אויך טון אין משך פון די ווייטערדיקע שבתים.

שבת דעם 31־טן, די פייערונג פאַר דוד עדעלשטאַט האָט באמת געטראָגן אַ רירנדיקן כאַראַקטער, פּונקט ווי דאָס טראַגישע לעבן און דער יונגער טויט פון׳ם ערשטן יידישן אַרבעטער־דיכטער. אַז דער נאַאיווער, דער אָנהויבער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנערער יידישער פּאָעזיע, דער קאָמפּראָמיסלאָזער ערליכער יונגער מענטש דוד עדעלשטאַט האָט געמוזט אַזוי יונג אַוועקגיין פון זיין אָקאָרשט אָנגעהויבענעם קאַמף און זיין שאַפונג־אַרבעט איז זייער נאַטירלעך—האָט עס דען געקענט זיין אַנדערש פאַר אַזאַ ריינע נשמה און קלאָרן כאַראַקטער, דעמאָלט פאַר פופציק יאָר צוריק, ביי דעם נידריקן און אָרעמען מצב פון׳ם יידישן האָראָפּאַשנעם אַרבעטס מענטש און ביי דער קוים ענטוויקלטער יידישער ליטעראַטור. אָבער אַז מיר דאָ, ביי אונזערע ליטעראַרישע שבתים, פאַר די אַרבעטער מאַסן און סתם יידן דאָ אין ווייטשעפּל, האָבן פון די אַזוי גערופענע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור פון אַ 27־יאָריקן דיכטער געקאָנט האָבן אַזאַ געניסנדיקן פול־אויסגעפילטן און גייסטרייכן נאָכמיטאָק איז עס באמת געווען וווּנדער איבער וווּנדער — דוד עדעלשטאַט׳ס שאַפן איז נישט נאָר דער אָנהויב, דער ערשטער רוף בלויז פון סאָציאַלן קאַמף אויף דער יידישער גאַס, נאָר אַ גרויסער ביישטייער פאַרן יידיש־פאָרמדיקן וואָרט.

נאָך דעם ביאָגראַפישן איבערבליק וואָס דער פאָרזיצער האָט געגעבן איבער דוד עדעלשטאַט, האָט דער אַרבעטער־טוער א. מינדל געהאַלטן אַ קורצן פאָרטראַג איבערן שאַפן פון׳ם יונגען אַרבעטער־דיכטער. מר. בלום׳ס זינגען דאָס באַקאַנטע אַרבעטער־ליד פון עדעלשטאַט איז געווען פשוט רירענדיק; דער סוף פון יעדן פערז האָט נאָכגעקלונגען אין האַרץ ווי די קייטן אויף די הענט פון די שקלאַפן. אייזיק גאָלדבערג האָט קינסטלעריש געלייענט אַן אָפּקלויב פון די פּראָלעטאַרישע לידער פון דוד עדעלשטאַט וואָס האָבן זייער שטאַרק געווירקט מיט זייער אינהאַלט און אויך פון דעם פשוט׳ן אופן ווי זיי זיינען געלייענט געוואָרן. ס׳האָבן זיך נאָך באַטייליקט מיט רעציטאַציעס פרוי מאַרקס, מאיר ניסענבוים, מר. בלום און צום סוף האָט גאָלדבערג נאָך געלעזן עדעלשטאַט׳ס באַקאַנטע דערציילונג „אין הונדערט יאָר אַרום‟, וועלכע האָט דירעקט געווירקט סימבאָליש פאַר אונזערע היינטיקע טעג.

שבת, דער 7־טער נאָוועמבער, די פייערונג לכבוד 25־יאָר סאָוויעט־רוסלאַנד איז געווען אַן אויסדרוק פון יום־טובדיקייט; אונזער יידישע



ליטעראַטור, בעיקר די פּראָזע געהער זיך דאָך אָן גאָר גרויסע מחותנים מיט די רוסישע קלאַסיקער. יאָ, דער סלאַווישער עפּיש־געזינטער איינפלוס, בכלל, אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָר, איז נישט נאָר געווען אַ שטיק בלויז פון אונזער בעלעטריסטישן שאַפן, נאָר אויך פאַר אונזער געשיכטליך־ווייטערדיקן גאַנג.

כמעט אַלע, וואָס באַטייליקן זיך אין די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, האָבן געהאַט אַ חלק אין דער זייער געלונגענער פייערונג.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

3 אַזייגער אין שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1., אין גרויסן זאַל

שבת, דעם 21־טן נאָוועמבער, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון זלמן שנייער. א. מ. קייזער וועט אויך פאָרלייענען שנייער׳ס באַקאַנטע הומאָרעסקע „דער גר‟.

שבת, דעם 28־טן נאָוועמבער, וועט זיין אַ ליסקי־אַלוואַ־נאָכמיטאָג, צום דערשיינען פון י. א. ליסקי׳ס בוך „פאַר דו קליינער קאָזאַק‟, מיט דער באַטייליגונג פון זשורנאַליסט און „הספר‟־פאַרלעגער שלמה גאָלדענבערג.

שבת, דעם 5־טן דעצעמבער, וועט זיין אַ לכבוד־חנוכה פונם שאַפן פון אונזערע קלאַסיקער: פּרץ, שלום עליכם, ראָזענפעלד און רייזין.

שבת, דעם 12־טן דעצעמבער, וועט זיין די דריטע לעקציע איבער די מזרח יידישע איינוואַנדערונג אין ענגלאַנד און זייער שאַפן.

## דאס ווייסע טייבעלע

### א פאלקס-ליד

(מסתמא נאָך פון די 60־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט)

אַ ווייס טייבעלע
פירט מיך אין ענגלאַנד
און דער שליסל איז אָפּגעבראָכן.
איינס, צוויי דריי,
פוילן איז פאַרביי.

רוס איז געלאָפן מיט אַלע האַרמאַטן,
פוילן איז געבליבן אָן סאָלדאַטן.

## דער „לאנדאנער פאג“

מאָריס ווינטשעווסקי

איך פרעג די זון, וואָרום זי לאָזט
דעם שוואַרצן נעפּל איר פאַרשטעלן;
וואָרום זי זאָל דעם ווינט וואָס בלאָזט,
אים צו פאַרטרייבן ניט באַפעלן?

זי ענטפערט מיר, איר איז דער „פאָג“
אַ ליבער פריינט, וואָס זי מוז אַכטן;
ער מאַכט אַז זי זאָל יעדן טאָג
ניט דאַרפן אונזער לאַנד באַטראַכטן.

„איר האָט געמאַכט אייער פּלאַנעט
— זאָגט זי, די זון — פאַר אַ גיהנם:
דער מענטש — ער ווערגט און ראַבעוועט,
באַ׳גנב׳עט דעם, באַ׳גזל׳ט יענעם.

„ער אונטערדריקט זיין פלייש און בלוט,
די הענט, וואָס קאָרמענען אים, בייסט ער.
ער טרייבט און יאָגט, און שלאָגט מיט וואוט,
און וויל זיין אומעטום אַ מייסטער.

„איך דאַנק דערפאַר דעם שוואַרצן פאָג
ווען ער פאַרשפּאַרט מיר אָפט צו זען
אין איין שטאָט, ווייניקסטענס איין טאָג,
די זאַכן וואָס ביי אייך געשעען“.
1891

## דריי שוועסטער

מאָריס ווינטשעווסקי, לאָנדאָן 1891

אין ענגלאַנד איז דאָ אַ שטאָט לעסטער,
אין לאָנדאָן איז דאָ אַזאַ סקוועער,
אין סקוועער שטייען טעגלעך דריי שוועסטער,
די שוועסטער — זיי קען ווער־ניט־ווער.

די אינגסטע פאַרקויפט דאָרטן בלומען,
די מיטלסטע — בענדלעך פון שיך,
און שפּעט אין דער נאַכט זעט מען קומען
די עלטסטע, וואָס האַנדלט מיט זיך.



די אינגערע שוועסטער באַטראַכטן
די עלטערע שוועסטער אָן האָס,
דען אַלע דריי מיידלעך פאַראַכטן
די רוישנדע שטאָט, און די גאַס...

דאָך שפּעט ביי דער נאַכט, ווען זיי קומען
צום נעסט, וואָס זיי רופן „אַ היים“,
באַנעצן זיי בענדלעך און בלומען
מיט טרערן, וואָס פליסן געהיים...

## א ליד

פון משה עובד׳ס בוך „אַרויס פון כאַאָס“, לאָנדאָן, 1917

זיי ניט ווי אַ שפּריץ אין הייסן קעסל,
זשוזשע ניט ווי אַ פליג אונטער אַ גלאָז,
טרייב אַוועק דאָס בלאָהע הימל פעסל,
צובלאָז עס ווי אַ זייפן־בלאָז.

רייס זיך אַרויס פון דיינע ענגע קרייזן,
פון די צוימען פון די וועלט און צייט,
רייס זיך אַרויס פון דיין גוף דיין וועזן,
אַריין, אַריין אין די אייביקע אייביקייט.

זיי ניט אַ שטערן וואָס פאַלט און גייט אויס,
פון די פינסטערניש לאָז זיך ניט דערשטיקן, באַהאַלטן,
זיי ניט לעבעדיק פלייש און טויטע ביינער בלויז,
נאָר אַ וווינונג פאַר אַ גאָט, פאַר געטלעכע געשטאַלטן.

אויף די זונען צום האָריזאָנטס ברעגן רייט,
און די הימל און ערד צוואַנג עפן צושייד,
ווי אַ הינדל ברעכט די שאָל פון איר איי,
צוברעך דאָס הימל הייטל און אָטעם פריי.

שטויס אַראָפּ די ערד, זאָל זי אין די קוואַלן צוגיין
און די גרענעצן פון די יבשה צושטער, פאַרניכט,
ביז די אונענדלעכקייט די נשמה וועסטו זען
דעם גייסט פון גאָט, ניט די מאַסקע ניט דאָס געזיכט.

## דער בעטלער

פון בן־א. סאַכאַטשעווסקי׳ס בוך „לידער“, לאָנדאָן 1921

איך האָב זיי באַטראַכט און באַוווּנדערט,
דאָס קינד מיט דעם בעטלער ביינאַנד.

דער בלינדער איז רואיק געשטאנען
און אפן געהאלטן זיין האנד.

און האט זיך א מענטש נאר באוויזן
און עפעס דעם בעטלער דערלאנגט,
האט פריידיג דאס קינד מיט א ברכה
דעם פרעמדן פארבייגייער געדאנקט.

דער בלינדער האט לייכט זיך צושמייכלט
און ס׳קינדישע קעפל געגלעט,
און פון זיינע ליפן האט לאנגזאם
געפליסטערט א מענטשליך געבעט.

## צו דער טעמזא

פון מאקס הערשמאן׳ס בוך „ערד־וויי״, לאנדאן, 1923

וויפיל טרערן, מיינע טרערן,
האסטו, טעמזא, איינגעשלינגען
אין די הערבסטיקע פארנאכן
פול מיט אומעט, פול מיט פיין ?
ווען א שטיקענד גרויער נעבל
שפרייט זיך אויס אויף דיינע וועלן,
דיינע וועלן, דיינע ברעגעס,
און ער הילט אונז אלע איין . . .

ווען א שטיקענד גרויער נעבל
שפרייט זיך אויס אויף דיינע וועלן
און די שיפן, ווי געשפענסטער,
דרימלען איין דארט פול מיט וויי ;
און עס הילכט אב אויף די ברעגעס
און אויף נעבלדיקע שטרעקעס
פון א קויעמן־האלז דאס פייפן
גרילצנד ווי א לייב געשריי.

און ער טראגט זיך, ווי אן עכא
אין א שטילן טויטן מדבר,
און שטארבט אב אין שטילע ווייען
אין דער נעבלדיקער ווייט,
ווו עס שטייט, געהילט אין חשך,



עלענט, איינזאם א לייכט־טורם,
וואס בעוואכט אויף בייזע ים׳ען
אין דער נאכט די פישער־לייט . . .

וויפיל טרערן, וויפיל טרערן,
האסטו, טעמזא, איינגעשלונגען
אין אט יענע נעבל אווענטס,
פול מיט אומעט, פול מיט פיין ? . . .
זאג, אה טעמזא, זאג, אה טעמזא !
זאל די גרויסע וועלט אויך וויסן,
אז אויף דיינע פרייע ברעגעס
רוט ניט תמיד זונען־שיין !

## טאנץ מיר ניט

ס. פאלמע, פון זיין בוך „רויטע רויזן״, לאנדאן, 1924

א, טאנץ מיר ניט און זינג מיר ניט —
כ׳בין אלץ איינס דאך איצט געפאנגען,
כ׳האב מיין אייגן איך געקרייציגט
און פארבליבן אן פארלאנגען.

ניט מיט שלעסער, ניט מיט ריגלען
איז מיין טויער אפגעשלאסן,
בלויז דיין מילדקייט איז מיין וועכטער —
האסט מיט גוטקייט מיך פארגאסן.

ס׳האט דיין שמייכל מיך געפאנגען
און מיין אייגענעם צעפרעסן,
בלייב איך אין זיך אפגעשלאסן
און פון אלעמען פארגעסן.

## דער לאנדאנער געטא־ספינקס

משה עובד

די שטארקסטע אימפרעסיע האבן אויף מיר געמאכט, דעם ערשטן טאג, די גרויסע ענגלישע פערד. זיי האבן געשלעפט שווארצע וועגענער, הויך געלאדן מיט פעסער ביר ; צוגעקלאפט מיט די פאדקאוועס : סלעק, סלעק, סלעק, און געזשומעט ווי די בינען האט די גאנצע געגנט : ביזזי, ביזזי, ביזזי.

דער בלינדער איז רואיק געשטאַנען
און אָפן געהאַלטן זיין האַנד.

און האָט זיך אַ מענטש נאָר באַוויזן
און עפּעס דעם בעטלער דערלאַנגט,
האָט פריידיג דאָס קינד מיט אַ ברכה
דעם פרעמדן פאַרבייגייער געדאַנקט.

דער בלינדער האָט לייכט זיך צושמייכלט
און ס׳קינדישע קעפּל געגלעט,
און פון זיינע ליפּן האָט לאַנגזאַם
געפּליסטערט אַ מענטשליך געבעט.

## צו דער טעמזא

פון מאַקס הערשמאַן׳ס בוך „ערד־ווײ״, לאָנדאָן, 1923

ווייפּיל טרערן, מיינע טרערן,
האָסטו, טעמזאַ, איינגעשלינגען
אין די הערבסטיקע פאַרנאַכן
פול מיט אומעט, פול מיט פּיין?
ווען אַ שטיקענד גרויער נעבל
שפּרייט זיך אויס אויף דיינע וועלן,
דיינע וועלן, דיינע ברעגעס,
און ער הילט אונז אַלע איין . . .

ווען אַ שטיקענד גרויער נעבל
שפּרייט זיך אויס אויף דיינע וועלן
און די שיפן, ווי געשפּענסטער,
דרימלען איין דאָרט פול מיט ווײ;
און עס הילכט אָב אויף די ברעגעס
און אויף נעבלדיקע שטרעקעס
פון אַ קויעמן־האַלז דאָס פייפן
גרילצנד ווי אַ לייב געשריי.

און ער טראָגט זיך, ווי אַן עכאָ
אין אַ שטילן טויטן מדבר,
און שטאַרבט אָב אין שטילע ווייען
אין דער נעבלדיקער ווייט,
וווּ עס שטייט, געהילט אין חשך,



עלענט, איינזאַם אַ לייכט־טורם,
וואָס בעוואַכט אויף בייזע ים׳ען
אין דער נאַכט די פישער־לייט . . .

ווייפּיל טרערן, ווייפּיל טרערן,
האָסטו, טעמזאַ, איינגעשלונגען
אין אָט יענע נעבל אָווענטס,
פול מיט אומעט, פול מיט פּיין? . . .
זאָג, אָה טעמזאַ, זאָג, אָה טעמזאַ!
זאָל די גרויסע וועלט אויך וויסן,
אַז אויף דיינע פרייע ברעגעס
רוט ניט תמיד זונען־שיין!

## טאַנץ מיר ניט

ס. פּאַלמע, פון זיין בוך „רויטע רויזן״, לאָנדאָן, 1924

אָ, טאַנץ מיר ניט און זינג מיר ניט —
כ׳בין אַלץ איינס דאָך איצט געפאַנגען,
כ׳האָב מיין אייגן איך געקרייציגט
און פאַרבליבן אָן פאַרלאַנגען.

ניט מיט שלעסער, ניט מיט ריגלען
איז מיין טויער אָפּגעשלאָסן,
בלויז דיין מילדקייט איז מיין וועכטער —
האָסט מיט גוטקייט מיך פאַרגאָסן.

ס׳האָט דיין שמייכל מיך געפאַנגען
און מיין אייגענעם צעפרעסן,
בלייב איך אין זיך אָפּגעשלאָסן
און פון אַלעמען פאַרגעסן.

## דער לאנדאנער געטא-ספינקס

משה עובד

די שטאַרקסטע אימפּרעסיע האָבן אויף מיר געמאַכט, דעם ערשטן טאָג, די גרויסע ענגלישע פערד. זיי האָבן געשלעפּט שוואַרצע וועגענער, הויך געלאָדן מיט פעסער ביר; צוגעקלאַפּט מיט די פּאָדקאָווע: סלעק, סלעק, סלעק, און געזשומעט ווי די בינען האָט די גאַנצע געגנט: ביזזי, ביזזי, ביזזי.

אין יענע טעג האָט זיך זאָגאַר אין דער געאָגראַפישער פאָרם אוועקגעשטעלט די געטאָ פאַר מיינע אויגן, ווי אַ מורא׳דיקער, איבערשרעקנדער ספינקס.

„גאַרדנער׳ס קאָרנער״ איז געווען דער קאָפּ, וואָס האָט אויסגעשטעלט זיין צונג אויף „אָלדגייט״, זי פאַרדרייט רעכטס, געלעקט דעם „סטאָק עקסטשיינזש״ און די „באַנק אָף ענגלאַנד״. זיין קערפער און חוט השדרה האָט דערגרייכט ביז „באָו״ און „פּאָפּלאַר״, און פון דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען זיין טריפה׳נער עק. „ווייטשעפל״ דער רעכטער און „קאָמערשעל רויד״ דער לינקער פון זיינע אונטערשטע, אונטערגעלייגטע פּעטע פיס. פון די פאָדערשטע לאַפּעס, האָט ער די לינקע געהאַלטן אין „לעמאַן סטריט״ און די נעגל אַריינגעשטעלט ווי אַ זשאַבע אין די גערדיכטע בלאָטעס פון דער „טעמז״, און די רעכטע לאַפּע אין „קאָמערשעל סטריט״. די נעגל פון דער לאַפּע טיף באַגראָבן אין האַרצן פון דער רויטער סיטי.

יעדער ראָג און געסל האָבן אויסגעזען ווי אָדערן, מוסקולן, גלידער און נערוועז פון דעם אויסגעפּוצטן, מיט גלאַנצענדע בייזע אויגן און דאָך שטומען געטאָ ספינקס. בין איך געשטאַנען פּופצן יאָר פאַר אים און ניט פאַרשטאַנען זיין רעטעניש צו לייזן, און איך האָב זיך געבעטן:

געטאָ ספינקס, געטאָ ספינקס! פאַרוואָס זעט מען ניט אין דער גאַנצער וועלט אַזאַ שווערע, פאַרגרעבטע מאַסע ווי דו ביזט? פאַרוואָס וואַרפסטו זיך אַזוי אין די אויגן מיט דיינע נאַרישע חכמות און פאַסקודנע צירונג? וואָס זוכסטו? פון וואַנעט נעמט זיך אַזוי פיל תאוה־שמוץ אין דיינע געדערים? פאַרוואָס רעדסטו גאָרנישט און זינגסט גאָרנישט פאַר דער וועלט? ביזטו דען דורך און דורך אַ הוילער שטיין?

האָט מיר דער געטאָ ספינקס ענדלעך געענטפערט:

— איך בין אַ באַשיצער פון די אור־אור־אייניקלעך פון כאַאָס אין גלות; אַן אפיטרופּוס איבער צוויי, דריי און פיר פונטיקע קינדער פון ערב־רב בין איך. אין די אַכציקער פאַגראָמען יאָרן זיינען דיינע ברידער אַנטלאָפן אין דער וועלט אַריין. צוויי טויערן זיינען געווען אָפן פאַר זיי: ענגלאַנד נאָענט, אַמעריקא ווייט.

די רייכע, קלוגע קעפּ, די צען־פונטיקע יחסנים; די וואָס קענען אויסקלערן געדאַנקען און זיי אויפשרייבן אויף לײדיק פּאַפּיר — זיי זייענען מיט זייער גאָלד און חכמה קיין אַמעריקא געפאָרן. די אָרעמסטע, אומגליקלעכסטע, באַרויבטע פון אַ ביסל ערציאונג, פון אַ ברעקל מענטשלעכקייט, האָבן צוזאַמענגעקליבן און צוזאַמענגעשנאָרט זייערע פאַרמעגנס פון צוויי, דריי און פיר פונט און אין טאָלעראַנטן ענגלאַנד געקומען.

איך בין ניט קיין חיה רעה. איך בין אַן עיר מקלט פאַר פיל פון די אומשולדיקע פאַרברעכער פון עסטעטישן געשמאַק און מענטשלעכן כבוד.



איך באַשיץ זיי און רייניק זיי יעדן טאָג. געלייטערטעס וועט נאָך פון זיי אַרויסרעדן און אַרויסזינגען.

אין מאַרך פון מיינע ביינער פיל איך עס שוין יעדן פרימאָרגן.

פון בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער״, לאָנדאָן, 1931

## זכרונות

פון בן־א סאָכאַטשעווסקי׳ס בוך „למך״, זייטל 88־89, לאָנדאָן, 1941

עס האָבן געוווינט דאָ אין ווייטשעפּל׳ס געסלעך
אברהם׳ל מרגליות, וועוויאָרקע און נאָך,
און אויך אברהם רייזין דער האַרציקער דיכטער,
דער זינגער פון צער און בטחון אַלץ דאָך.

און פלעגט מען זיך טרעפן ביי שטיינוואָלף אין קאַפע,
ווו ס׳איז דאָרט אַ מין קיבעצאַרניע געווען,
האָט יעדער געזעצט זיך ביים טישל פון רייזין,
און אָפּט זיך צע׳פּלפּול׳ט וואָס ס׳וועט נאָך געשען.

וועט זיגן אין רוסלאַנד דער כח פון דערוואַכונג,
וועט אויפגיין די פרייהייט און גליק פאַר דער וועלט,
צי אפשר וועט לאַנג נאָך די פינסטערניש הערשן
און האַלטן די זון פון די מאַסן פאַרשטעלט?

און אַז ס׳וועט שוין קומען דער מאָרגן דער נייער,
דער טאָג פון באַפרייאונג, פון ליכט און פון פרייד,
צי וועט דאָס דען דויערן פאַר יאָרן פאַר פילע,
און ניט בלויז אַ קליינע עפּאָכע אין צייט?

און וואָס פאַר אַ פּלאַץ וועט דער ייד דאַן פאַרנעמען
צעווישן די פעלקער צעשפּרייט אויף דער ערד,
אַז אומעטום וועט ער אַ מיעוט פאַרבלייבן
און תמיד זיך ראַנגלען צו ווערן דערהערט?

און אפשר וועט ווערן דער „שמעלץ־טאָפּ״ די לאָזונג,
דער ענדלעכער אויפהער אַלס יידן דער ציל,
און בלויז אַסימילאַציע דער סם צו פאַרניכטן
דאָס אייגן באַוווסטזיין און אייגן געפיל?

דאָס קען דאָך ניט זיין — האָט זיך עמיץ צעטומלט,
ווייל ס׳וועט דאָך די דומהייט שוין זאָרגן דערפאַר,
אַז דאָס וואָס דער זיג פאַר דעם היינט האָט געוווּנען
זאָל מאָרגן שוין פול זיין מיט טרויער און צער!

ווייל ס׳גייט דאָך דער מענטש צו זיין פּראָגרעס אין זיג־זאַג,
און לעבט ס׳רוב אין גלאָריע פון מאָרד און פון רויב,

און בלויז נאר פאר רגע׳ס דערוואכן אידעאלן,
וואס זינקן צוריק אין געשיכטלעכן שטויב!

האט עולם דערמאנט אויך ווינטשעווסקי און פרומקין,
יאנאווסקי און אנדערע שרייבער נאך פיל,
וואס האבן שוין פריער אין לאנדאן גע׳חלום׳ט,
געלעבט און געקעמפט פאר דעם זעלביקן ציל.

## יידיש שאפן אין לאנדאן

ערשטער פעריאד

1

פונקט ווי די איבערגאנג־צייטן אין מענטשליכן לעבן זיינען קוים מסוגל צו עכטער און צו טיפער שעפערישקייט, העכסטנס שפירט זיך אין זיין ריטם דער שנעלער אטעם פון פאבוריטעט־ליריק, אדער שוין גאר דאס אסטמאטיש־פראגמענטארישע פון קריטישער פארביטערטקייט פונ׳ם איבערגאנג־אלט־קלוגן, פונקט אזוי איז עס אויך מיט די שאפונגען פון איבערגאנג־פלעצער. עס איז גאנץ נאטירלעך, אז עס פעלט דערין דער פעסטער אויסדרוק פון אייגנארטיקער פארעם, פון אינערלעך־דערפילטע עפישע אטמאספערע, אלץ איז אויפ׳ן מאמענט, פונ׳ם בליק־פונקט פון „א גאסט אויף א וויילע, וואס זעט (קוים!) אויף א מייל״. נישט מ׳איז פעאיק אויפ־אויף א וויל... נישט מ׳קאן אויסשטראלן צונעמען דעם ווינדיק־פרישן ארום אין זיך און נישט מ׳קאן אויסשטראלן דעם טליענדיקן איך אין דעם פארווישטן נאך בעפילדיקן דרויסן. אז נאך וואס ערשט אויפמאכן דעם טשעמאדאן, אים אויספאקן? דער נויטיקער צידה־לדרך ווערט שנעל ארויסגעכאפט און מיט־וואס־ס׳לאזט־זיך איילִיק איבערגעכאפט! מ׳ווארט דאך נאר אויף דער ערשטער־בעסטער אפגייענדיקער שיף און ווייטער געפארן. און האט מען פארשפעטיקט די אוועק דאמפנדיקע שיף און מ׳ווארט אומגעדולדיק און שוין א ביסל בייזלעך אויף א צווייטער, און מ׳האט נויטיק דערווייל א לעפל ווארעמס איבערצוכאפן, איז אלץ וואס מ׳האט אין דעם זידיקן טעפל אריינגעווארפן און אריינגעבראקט, ס׳גאנצע ביסל שאר־ירקות, און יעדעס עקל און יעדעס ברעקל איז א כשר׳ע מציאה.

אין די זעלביקע געפארן פון ווייכליכקייט און „קלעפיקייט״ און צופעליקע איינפלוסן (גוטע צי שלעכטע?)ביים יוגנטליכן און להכעיס׳דיקע שלעכטיקייטן — פון מיר נישט דיר נישט! — ביים פארביטערטן, די זעלבע סימפטאמען און געפארן ווייזן זיך אויך ארויס ביים וואנדערער און אומגעדולדיק־ווארטנדיקן.



אזא מין איבערגאנג־פלאץ, אזא מין קאלטע אכסניה פאר א גאסט אויף א וויילע מיט א ירגזון־געאייל איז די אינזל דא געווען פארן יידישן שאפנדיקן אפנים, — דאס צאפלדיקע הארץ פונ׳ם פראדוקטיוו־שעפערישן מענטש האט זיך נישט שטארק און אויף לאנג דערווארעמט דא, אז ס׳זאל זיך לעבעדיקס אין אים באשאפן און עס קאנען אויסטראגן! מ׳האט זייער ווייניק אויף יידיש געשריבן אין קינסטלערישער פארעם איבער לאנדאן און פארהעלטניסמעסיק נאך ווייניקער איבער יידישן לעבן דא, און נאך א סך ווייניקער זיינען באקאנט, מחוץ די ברעגעס פון ענגלאנד, יידישע ווארט־קינסטלער, וועלכע האבן געשאפן דא.

און די פובליציסטישע צופעליקייטן: דאס גוטע און דאס שלעכטע כסדר מיט׳ן „קאכלעפל״ געמישט! וואס דאדורך קאן „אי דאס״ און „אי דאס״ קיינמאל נישט באקומען זיין קלארע פארעם — „צייט״־און־ארט איבערגאנגס געפארן! און די צום סוף אויבן דערמאנטע סימפטאמען זיינען לײדער נאך זייער אנזעעוודיק דא ביז׳ן היינטיקן טאג...

אז שלום עליכם׳ן איז געלונגען, אין זיין ויסעו־ויחנו נאוועלן־ציקל, מיט דעם בארימטן „לאנדאן פארוואס ברענסטו נישט״־מאנאלאג, די יידישע געסלעך דא, ווי זיי שטייען און גייען, מיט׳ן גערוך זייערן פון געפרעגלטע פיש און אייביקע קדיש־זאגערס, צו פאראייביקן, איז קיין חידוש נישט — איז דאך שלום עליכם, דער געניאל־יידישער פאלקס־שרייבער, אליין געווען כל ימיו א וואנדערער און פארוואנדלט פסיכאלאגיש אזוי זיין גאנצן קינסטלערישן מהות! און דאס אפשר, דאס אקארשט דערמאנטע, די דאזיקע פארוואנדלונג זיינע, איז איינס פון די טעמים, וואס אין זיין סטיל, צום אונטערשיד צו דער פלאסטישקייט פון די אנדערע קלאסיקער אונזערע, פילט זיך דער „כל התורה כולה על רגל אחת״. און צווייטנס איז דאך „מאטל פייסע דעם חזנס״, ווו דער לאנדאן־מאנאלאג ווערט ארויסגעשריגן, טאקע עפעס אזא טשעמאדאנטשיק־גראמאפאן אנגעפיקעוועט מיט ריידנדיקע פלאטן, אינ׳ם לאנגווייליקן נע־ונד־וועג מיט זיך מיטגעפירט פריילעך צו מאכן דעם הונגעריק סמוטנעם עולם — דער אויף־צופיקעניש־הומאר פון „מאטל פייסע״ איז דאך אזא איינגע׳עקשנ׳טער אויפצופלייסן־פארביטערניש פון א „פריילעך קבצן״.

און אז ברענער׳ן איז געלונגען ארויסצורייסן דאס פארנעפלטע ווייטשעפל פון אלע זיינע ענגע און קאלטע באגרענעצטקייטן און דאס יידישע דערפילטע פון זיין ווארעמען איבערגעלאדענעם הארץ איבערצוזעצן אין זיין „מעבר לגבולין״ — איז דאך יעדעס שטיקל ערד און מינדסטע שטיקל פלאץ, אויף וועלכן ס׳טרעטן די פיס פון אזא כשר׳ן בעל נפש ווי יוסף חיים ברענער הייליקע דלד־אמות פונ׳ם אומשטארבליכן. זייער

ווייניק איז אויף יידיש געשריבן געוואָרן אין קינסטלערישער פֿאָרעם אין
און איבער לאָנדאָן און איבער ענגלאַנד בפֿרט. אָבער דאָך האָט נאָך איי־
לק און שנעל, אויף אַ טאַנדייטנעם אופֿן, אין „סוועט־שאָפּ", איינער פֿון
די קלאַסיקער פֿון די יידישע פּאָעטן אויסגעשטעפּט זיינע ערשטע לידער
אין ווייטשעפּל — עס איז אַ זכות פֿאַר די יידישע געסלעך דאָ און אַ
גרויסע זכיה, וואָס מאָריס ראָזענפֿעלד האָט דאָ געלעבט און אויסגעהאַלטן,
געאַרבעט און געשאַפֿן איבער דריי יאָר! דאָס פֿלייש און דאָס בלוט, דאָס
פֿאַרמאַטערטע לייב און לעבן פֿונ׳ם יידישן אַרבעטס־מענטש איז אויפֿ־
געגאַנגען ווי אַ ריח ניחוח אין אונזער נייער פּאָעזיע; און דאָס, ווידער,
איז אַ זכות און אַ זכיה פֿאַר אַ יונגער זיך ערשט־שאַפֿנדיקער ליטעראַ־
טור: נאָך אויף איר איבערגאַנגס־פּלאַץ, אויף איר וואַנדער־און־וואָגל־
וועג, האָט זי געהאַט מיט זיך אַ יידישע מאַסע פֿון צענדליקער טויזנטער
האַראַפּאַשניקעס — אַרום שאַפֿנדיקן וואָרט טאָר קיין וואַקום נישט זיין!
עס איז דער אויסאַטעמדיקער „עמוד הענן" און „עמוד האש" צו באַ־
לייכטן זייער וועג. און דער קלאָרער ניכטערער מאָריס ווינטשעווסקי!
און ווי באַוווּסט ערלעך און קאָמפּראָמיסלאָז ער האָט זיך אויסגעקעמפּט
דאָ אין די ווייטשעפּל־געסלעך! און צווישן די קאָמפּאַקטע מאַסע פֿון די
יידישע שניידער ווי נאָדלדיק־שפּיציק האָט זיך דאָס געשליפֿן זיין שטאָלן
וואָרט און זיין שאַרפֿע פֿעדער.

און אַז פֿונ׳ם זיך איינגעפֿונדעוועטן און זיך פֿאַרוואָרצלטן אַמעריקע
ס׳שרייבט דער יונגער פּאָעט דוד עדעלשטאַט „צום משוגענעם פֿילאָזאָף"
אַ „פֿאַרליבטער אין זיינע ציילן":

„זיין שרייבן דערפֿילט מיך מיט האָפֿענונג און מוט,
דאָך קאָן איך זיך גוט נישט דערקלערן,
ווי קומט אין זיין טינטער מיין האַרצנס בלוט,
ווי קומען צו אים מיינע טרערן".

דעמאָלט ווערט שוין אויפֿגעהויבן דער באַגריף פֿון צייט און רוים
— דער קאַמף פֿאַראייניקט!

און דער צייטווייליקער איבערגאַנגס־פּלאַץ, דאָס ווייטשעפּלער געסל,
ווערט שוין מיט׳ן „זיידן" פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע, מיט ווינ־
טשעווסקי׳ס „לעסטער סקווער", געמיינזאַמער סטראַטעגישער קאַמף־
פּלאַץ, דער ערשטער באַדינג, די ערשטע אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט,
פֿאַר זיך איינוואָרצלען קענען, פֿאַרן שפּירן די איינגעפֿונדעוועטע דלד־
אמות פֿון היים און היימישקייט.

2

זייער ווייניק איז יידיש־געפֿאָרעמט־ און קינסטלעריש־וואָרט גע־
שאַפֿן געוואָרן אין און איבער לאָנדאָן! אָבער דאָך האָט יעדער באַוווּסטער
שרייבער פֿון אַש־רייזן ביז — סעגאַלאָוויטש־מאַרקיש עפּעס געדיכטעט,



אָדער געשריבן אַמאָל איבער לאָנדאָן און איבער דעם יידישן ישוב דאָ.
די מעטראָפּאָליס פֿון אייראָפּע, דער כרך פֿון אירע פּאָליטישע איינפֿלוסן
— און נישט נאָר בלויז פֿון אייראָפּע; און אין לעצטן פֿערטל יאָרהונדערט
דער קניפּ פֿון יידיש־נאַציאָנאַליסטישע אינטערעסן! — האָט עס גע־
רייצט און אויך גענויטיקט דעם יידישן שרייבער פֿאַרבייפֿאָרער די פֿעדער
אַמאָל איינצוטונקן, און דאָ און דאָרט איז אַ קינסטלערישער שטריך
אַרויסגעקומען. און מוז מען נישט אויך צורעכענען דאָצו די איבערזע־
צונגען פֿון „שיילאָק" און „דניאל דאַראָנדאַ", בייראָנ׳ס „העברעאישע
מעלאָדיעס" און די „געטאָ טרוימער" פֿון זאַנגוויל? און דער לעצטער,
איז ער נישט אַליין אַזאַ שוואַכער „געטאָ טרוימער" געווען, וועלכער האָט
געמיינט: ווער־ווייס־וואָס, אַז ער וועט אויסשרייען פֿאַרשטענדלעך פֿאַר
אַלעמענס אויערן דאָס געשטאַמל פֿון זיין יידישן האַרץ?

און פֿון אברהם וועוויאָרקע, וואָס די גרעסטע צייט פֿון זיין פּראָדו־
צירן און באַרימטקייט איז געווען אין דער שטאָט לאָנדאָן, וועט אויף יעדן
פֿאַל עפּעס איבעריג בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור; זיין „מיידל",
„חייקעל שכור" און „די עבירה" זיינען בשעתם געווען מער ווי אַ שריד.
אמת, מ׳האָט מער ממשות׳דיקס דערוואַרט פֿון זיין דעקאַדענט־קינסט־
לעריש געפֿאָרמטן וואָרט! איז לאָנדאָן שולדיק געבליבן זיין טאַלאַנט, ער
— לאָנדאָן? אויף יעדן פֿאַל, אפֿילו זיין אַוואַנטורישקייט דאָ האָט מער
באַדייטונג פֿאַרן קינסטלערישן און שרייבערישן לעבן, ווי דאָס גאַנצע
אימפּאָטענטע און שונדישע פּראָדוצירן און ווי דאָס מכלומרשטע אים
פֿאַראיבל נעמען, מצד בעל־בית׳ לדיקע „מאָראַל"־ליטעראַטן; ווייל אפֿילו
פֿונ׳ם אויסגליטשן זיך פֿונ׳ם שוואַכסטן, נאָר עכטן קינסטלער אין זיין
קאָמעטן־לויף און־פֿאַל, בלייבט אַ גלאַנציקער ליכטיקער שליאַד, און פֿון
די הייליקע נעבעכלעך און קדוש־שפּרינגער, בלייבט יענער פּייכטער
גליטשיקער שליים פֿון קריכנדיקע און שלייכנדיקע שנעקן. סוף־כל־סוף
פֿון אַזעלכע גליטשן און פֿונ׳ם טומל אַרום זיי שאַפֿט זיך שוין קיבעצאַר־
ניע־לופֿט! און ווען ס׳איז נישט גערייניקטע לויטערע אַטמאָספֿערע —
ליטעראַרישע היימישקייט טראָגט עס אַריין אין אַ נייעם זיך בויענדיקן
קיבוץ.

און דערצו קומט נאָך צו דאָס פּעלעטאַניסטישע בילאַנסירן פֿון טיכ־
טיקע זשורנאַליסטן, — פּראָדוצירנדיקע נישט פֿון שעפֿערישן געפֿיל,
נישט פֿון אינערליכן קינסטלערישן בילד־ אָדער געפֿיל־צוואַנג, נאָר פֿון
סחרישן אינסטינקט, ווייל ס׳איז פֿאַראַן אַ קאָנסומירנדיקע מאַסע! — מיט
טעאַטראַלן און פּאַרטייאישן קולט, וואָס ברענגט אויך אַרויס פֿאַר אַ יונגען
שנעל־וואַקסנדיקן ישוב אַ שטיקל קולטורעלן בילאַנס — קוואַנטיטעט
איז אַ גרויסע סגולה געגן פּראָווינציעלישקייט! און אַזוי שאַפֿט זיך דאָ

אין אַ קורצער צייט אַ שטיקל קולטור־ניוואָ, אָבער מיט אַ גרויסן פּאַרנעם, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ כרך ווי לאָנדאָן: טעגליכע צייטונגען, וועכנטליכע זשורנאַלן, פּעריאָדישע אויסגאַבעס, בוך־פאַרלאַגן. פרומקין׳ס האַמסונישע איבערזעצונג איז אַ וויכטיקער ביישטראָג פאַר דער יונגער יידישער פּראָזע, רודאָלף ראָקער׳ס איבערזעצונג פון „אַזוי רעדט סאַראַטוסטראַ״, מאָרריס מייער׳ס „בלויער פויגל״ פון מעטערלינק געפינען זיך אין אַלע יידישע ביבליאָטעקן מחוץ ענגלאַנד.

און אין די נאָך־מלחמה יאָרן פון 1918 אינם קורצן רענעסאַנס פון אונזער ליטעראַטור, הערט מען שוין אַריבער די ברעגעס פון דער אינזל דאָ די נעמען פון די לאָנדאָנער פּאָעטן משה עובד און בן־א. סאָכאַטשעווסקי, און נאָך מער פון׳ם קונסט־ און ליטעראַטור־קריטיקער לעאָ קעניג — 25 יאָר, אַז מ׳זיצט אויף אַן אָרט ווערט ער ממילא אויס איבערגאַנגס־פּלאַץ! פליענדיקער זאַמד אפילוביים ברעג פון ים באַקומט זיין פעסטן דעסין־צייכן; זיין נישט פעסטע, צייטווייליקע און פאַרענדערליכע פאָרעם ווערט פון די טרייבנדיקע ווינטן אַליין אויסגעקרייזט, כסדר ווידער צו דער אומקערנדיקער זעלבער פאָרעם. און אויפ׳ן העכסטן פעלז צומאָל ראַטעווען זיך זוימענדלעך מיט זייער ווייטערדיקן ווידערוווקס צווישן די סקאַלישע שפּאַלטן.

בן־אַ סאָכאַטשעווסקי איז שוין דאָ אַהערגעקומען ווי אַ יונגער סענטימענטאַלער פּאָעט מיט אַ רייזין־ און ביאַליק־טראַדיציע און מיט אייגענע נאָך אומצייטיקע חלומות און האָט זיך געזוכט לירישע־עפּיש צו האַלטן איבערן וואַסער. זיכער מוז מען טיילמאָל זיך וואַרפן אויף אַלע זייטן נישט גאַנץ אונטערצוגיין. און וואָלט די נאַטירליכע וואַסער־טולפּ אפילו געקאָנט צייטיקן און ביז צו די טיפעניש פון איר האַרץ זיך עפענען, ווען נישט דער ברייטער בלאַט־טעלער וואָס טראָגט זי און באַשיצט זי? ניין, אַ יונגען יידישן פּאָעט האָט דאָ קיינער אויף די הענט נישט אַרומגעטראָגן! און ווי קאָן מען אויסטראָגן די לאָנדאָנער זון, זילבערן־גאָלדיק און געשייערטן קופּער, אַז מען מוז זי נאָך אַזוי קליין־געלטיק אָפּטוישן.

און אין זיין סענטימענטאַלער פּראָזאַ גייט ער ווייטער נישט אַוועק ווי זיין באַהעמיש נעפּלדיק אָפּשפּיגלען זיך אין זיין עכטן שפּיגל. אָבער מיט זיין איינדייטיקן ווירטואָזן „למך״, — זיין טאָפּל־גייער, „למך״, איז נישט אַ צווייַדייטיקער יאַנוס! — האָט סאָכאַטשעווסקי דאָך געפּריוווט פעסטצוהאַלטן דאָ עפּעס פונם אויסערליכן אַרום, אויף וויפיל ס׳איז אים געלונגען, פּאָעטיש־רעפּאָרטעריש. און דאָס מער פון אַ קבוצאַרנדיקער און קהלהדיקן אַרום ווי פון אַ לעבעדיקן יידישן ישוב.

יאָ, ווינטשעווסקי׳ס „פּאַגעס״ בייסן שוין נישט אַזוי שאַרף אין די טרערנדיקע אויגן, אָבער אין אירע טויזנט־שפּיגלונגען, די כסדר וווּנדערלעך וועקסלדיקע לאָנדאָנער זון, זענען נאָך נישט די פאַרטרוימט־פאַרמוטשעטע און פון זייערע רייזע־פיבערס תמיד פאַרביטערטע.



משה עובד און לעאָ קעניג, וואָס זייער גאַנצע שרייבערישע ענטוויקלונג כמעט און שאַפן איז געווען דאָ, אין לאָנדאָן, האָבן שוין דאָס פראַגמענטאַרישע אַלט־קלוגע פונם אינזל־מענטש, זיין זיך קענען אויסבאַהאַלטן אונטער זיין אייגענעם לויערנדיקן בליק און אויף זיין שנעל־אויפגייענדיקער וועגטקע אַרויסציען דעם צאַפּלדיקן „העכט״. לעאָ קעניגס חריפיש־קלוגע און „ראַפינירט״־געקלוגלטע קונסט־ און ליטעראַטור־קריטישע עסייען האָבן זייער עסטעטישן פּלאַץ אין אונזער קריטיק; זיי זיינען געווען אַ נייער אידיווידועל־„אינטעלעגענטישער״ טאָן מיט זייער אינטעלעקט־קינסטלערישן און אינדיווידועלן אָנהייב. און משה עובד דער ראָמאַנטיש־צייטיקער און אַלט־קלוגער, דער כאַטישער גאָט־זוכער פּאָעט, האָט אין זיין בוך „וויזיאָנען און אידעלשטיינער״, אויב נישט ערפּאַסט, אָבער דאָך איינגעפאַסט שטיקלעך לאָנדאָן, ווי יענע שטיינדלעך פון זיין „וועסטל־טעשל אַרויס״, זילבערן־צעזילירט, אַפּאָריסטיש־ אַפאַריסטיש, אַוואַנטוריסטיש־מיסטיש — משה עובדס „וויזיאָנען און אידעלשטיינער״ פונקלט בריליאַנטיש אַרויס מיט אַ גאָלדענעם איינשניט פון אונזער מעמוארן ליטעראַטור.

זיכער מוז זיין אַ כאָר פון היים־דיכטער און שרייבער, (נאָר איניקע נעמען בלויז צו דערמאָנען: זיידנפעלד, הערשמאַן, ווייט און פלאַמע — יעדער מיט זיין וועלט־פרעמדקייט און אייגענעם שמערץ און מיט זיין הימנישן אַקצענט. איניגע שוין מיט אַרויסגעגעבענע ביכער) וועלכע האַלטן־אונטער און וועלכע האַלטן־צו, אַז איבערן גערויש און טומלדיקן ים אַריבער זאָל מען נאָך אויף דער אַנדערער זייט אַזוי דייטלעך אַרויסהערן באַזונדערע און איינצעלנע טענער. אַ כאָר איז נישט נאָר וואָס ער העלפט אונטער און העלפט צו, נאָר זיין פיל־קולותדיקייט שרייט אַריבער דעם וואַכנדיקן גערויש און הוהאַ טומל פונם אַרום און די סאָלאָס טראָגן זיך, אַזוי אַרום, ווייטער און לויטערער. אָבער נאָך איז אינם ישוב דאָ נישט געלונגען געווען אַרויסצובאַקומען אַן אייגענע, אומאָפּהענגיקע יידיש־שאַפנדיקע אַטמאָספערע, אפילו נאָך נישט דעם איינגעהאַלטענעם אַטעם פון פערזענליכער אייגנאַרטיקייט, מיט דער נאַטור אַרום אַ פאַרוואַקסענער און מיט אַלע האַרצנס פעדעם געקניפּט און פאַרבונדן מיט אַ פאַרמענטשלעכט ספּעציפישער היימישקייט, — אין דעם ספּעציפישן לאָנדאָנער נעפּל, אפילו אין דעם „ואד יעלה מן הארץ״, וואָס אַ קינסטלעריש אויג מוז עס תיכף דערזען, און אין זיך אויפנעמען, איז נאָך נישט געווען אַריינגעבלאָזן דער יידישער „נפש חיה״. דער ישוב דאָ איז נאָך אַלץ געווען אַפּנים וואַרטנדיקער איבערגאַנגס־פּלאַץ. דער בירגערלעך איינגעהאַלטענער און באַשיידן־צוריקגעהאַלטענער, פּאַמעלעך זיך איינאָרדנדיקער לאָנדאָנער יוסטער בעלי־בית, האָט געמיינט אַזוי צו בלייבן. — אַז עס וועט אים געלונגען אונטערן נעפּל, אַזוי שפּור־לאָז צו פאַר־

שווינדן. קאָן מען אָבער אַ וועג, וואָס ראָזענפעלד־ווינטשעווסקי, די קלאָרע ניכטערע, אָבער קאַמף־פאַרשכורטע, האָבן דאָ מיט זייערע מאַרשירנדיקע טריט אָנגעהויבן אויסצוטרעטן, מיט וואַקלדיקע אַוועק־לויפערישע פיס די שפור נישט פאַרטרעטן. פאַרקערט: דער אָנ־שטרענג אים צו פאַרווישן טרעט אים אַלץ דויערנדיקער און פעסטער. און אין דעם פאַרקשאַקעוועטן ווילד־גראָזיקן אַרום, נעסטן זיך זינגנדיקע פייגל און ווען אפילו נאָך פישטשענדיקע.

אין אונזער שווערער צייט איצט אָבער, ווען געפאַר און טויט איז אויף אַלע שליאַכן און אויף יעדן שייד־וועג לויערט דער מלאך־המות מיט זיינע טויזנט אויגן, און דאָס אומשולדיקע אויסהויכן פון מיליאָנען יידישע נשמות איז די אַטמאָספערע שוין פון אונזער אַלעמענס לעבן, איז דער ישוב דאָ איז שוין נישט מער אַן איבערגאַנגס אָרט, נאָר אַ רעטונגס־פּלאַץ פאַר אָנגעשווימענע, אויף לעצטן ברעט זיך ראַטעווענדיקע:

„מיט לעצטן אָנשטרענג נישט צו קענען קעמפן מער
מיט שטורעם־ווינטן וואָס יאָגן און בלאָזן — —
וועלן זיי דערהערן פון נעפל אַרויס געזאַנג,
און זיך ראַטעווענדיק צו זיי דאָ זיך אַראָפּלאָזן".

יאָ, פונם וועבנדיקן נעפל אַרויס האָבן זיך געהערט די היימישע געזאַנ־גען און געלאָקט, און די געראַטעוועטע מיט טרייסט אין די „דערשראָקענע הערצער ווערן פול פאַרטרויען".

° ° °

האָבן מיר יעצט דאָ אַ נישקשהדיקן קרייז יידיש־שאַפנדיקע און פראָדוצירנדיקע מענטשן, איינגעזעסענע דאָ און פריש־אָנגעפאַרענע, מיט וועמענס שאַפונגען אַ יינגער ישוב, ווען ער ווערט ערלעך פעסטגעהאַלטן, קאָן זיך גייסטיק זעטיקן, ווייטער וואַקסן און קולטורעל זיך ענטוויקלען. און אַז די מסיבה וועט האַלטן צוזאַמען, אירע שאַפערישע כוחות אין באַשיידענע מעגלעכקייטן, קאָן איר אַרבעט זיין, אין אונזער שווערער און מסוכנדיקער צייט, אַ געזונטער ביישטייער און ברכה פאַר אונזער יידישער שאַפונג.

**א. נ. שטענצעל.**

**6 פענס.**

---

פאַרלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי,
129־131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן.